משמרת השלום
02-5379160



# א גוט ווארט

וואכנ-שריפט פאר קינדער, פון 'משמרת השלום'

נו' 71
אחרי קדושים
אייר פ"ה

טעמא:
**מיט וועמען רעדט מען נישט?**

## דִי סְבִיבֶה פַּאסְט זִיךְ צוּ...

### שְׁטִיל... מ'גְרֵייט צוּ!

דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרַיין צוּם זַאל ־ וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶערְן שׁוּהל - מִיט פוּל אַמְבִיצְיֶע. זֵיי קוּמֶען הֶעלְפְן צוּגְרֵייטְן דֶעם פַייעֶרְלִיכְן קִידוּשׁ. יְהוּדֶה'לֶע, הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען פְרַיינְדְלִיךְ "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיהר זֶענְט גֶעקוּמֶען!". הָאט עֶר שְׁטִיל גֶעזָאגְט, צוּ-גֵייעֶנְדִיג גְלַייך צוּם עִנְיַן: "וֶועלְוִוי. שְׁטֵיי אִין יֶענֶעם זַייט טִישׁ, אִיךְ וִויל אוֹיסְצִיהֶען אַ טִישְׁטוּךְ". פוּן מוֹיְשִׁי מִיט אִיצִיק הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן צוּנֶעמֶען אַ בֶּערְגְל בֶּענְקְלֶעךְ, אוּן עֶס צוּשְׁפְּרֵייטְן אַרוּם דִי טִישְׁן. דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַוַודאי גֶעפָאלְגְט, זֵיי הָאבְּן נָאר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, פַארְוָואס עֶר פַארְלַאנְגְט אַלֶעס אַזוֹי שְׁטִיל. "אִיז עֶפֶּעס גֶעשֶׁעהן?" הָאט זִיךְ מוֹיְשִׁי גֶעוואוּנְדֶערְט. "אִיךְ וֵייס נִישְׁט" הָאט אִיצִיק נָאךְ שְׁטִילֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט...

דִי אַרְבֶּעט הָאט זִיךְ פָארְגֶערוּקְט שְׁנֶעל. דִי אִינְגְלֶעךְ הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט טוֹיגְלִיךְ, פְלַייסִיג, גֶעטְרַיי ־ אָבֶער... שְׁטִיל.

"יֶעצְט לָאמִיר אוֹיסְלֵייגְן דִי אֵיינְמָאלִיגֶע גֶעשִׁיר" הָאט יְהוּדָה גֶעבֶּעטְן, כִּמְעַט אָן קַיין קוֹל. וֶועלְוִוי, מוֹיְשִׁי מִיט אִיצִיק הָאבְּן גְלַייך אוֹיסְגֶעשְׁפְּרַייט טֶעלֶער'ס, גְלֶעזֶער מִיט עֶסְצַייג (סַכּוּ"ם), וֶוען יְהוּדֶה'לֶע קְנֵייטְשְׁט אַיין דִי סַארְוֶועטְלֶעךְ (מַפִּיוֹנִים). עֶנְדְלִיךְ הָאט דֶער זַאל בַּאקוּמֶען אַ יוֹם טוֹב'דִיגֶע אוֹיסְזֶעה.

יְהוּדֶה'לֶע הָאט גֶעשָׁאנְקֶען אַ דַאנְקְבַּארֶע בְּלִיק פַאר זַיינֶע טוֹיגְלִיכֶע הֶעלְפֶער'ס, אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַ שְׁאֵלָה: "וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן אַז אִיהר אַרְבֶּעט הַיינְט אַזוֹי שְׁטִיל? מַה נִשְׁתַּנָה?... חֲבֵרִים אַרְבֶּעטְן גֶעוֶוענְדְלִיךְ אַבִּיסְל זַאפְטִיגֶער... נִישְׁט אַזוֹי?!"

דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִיהְם בַּאטְרַאכְט פוּן אוֹיבְּן אַרָאפּ.

נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז 'עֶר' פְרֶעגְט 'זֵייעֶר' שְׁאֵלָה. "מִיר אַרְבֶּעטְן שְׁטִיל?! מִיר גֵייעֶן דִיר פָּשׁוּט נָאךְ. וָואס דוּ טוּהְסְט - טוּהֶען מִיר אוֹיךְ; מִיר הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז ס'לִיגְט עֶפֶּעס אוּנְטֶער דַיין שְׁטִילֶע שְׁטִימֶע, הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶערֶעכְנְט מִיט דֶעם..."

אַצִינְד הָאט זִיךְ יְהוּדָה'לֶע צוּלַאכְט: אִיךְ רֶעד הַיינְט שְׁטִיל, פָּשׁוּט ווייל... אִיךְ בִּין הַייזֶערִיג...

יְהוּדָה רֶעדְט שְׁטִיל - אוּן אַלֶע מַאכְן אִיהְם נָאךְ!

פַארְוָואס?

-דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ! אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ גֶעווֶענְדְלִיךְ צוּ, צוּ זַיין סְבִיבָה---

פָארִיגֶע וָואךְ, הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט אַ חָשׁוּבֶ'ע שְׁאֵלָה:

"אוֹיבּ אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק אִין שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן, אִיז עֶס עֶפֶּעס מַשְׁפִּיעַ אוֹיף מַיינֶע חֲבֵרִים? - ס'אִיז נִישְׁט לַייכְט צוּ זַיין דֶער אֵיינְצִיגֶער מַקְפִּיד אוֹיפְן דִיבּוּר, אִין אַ סְבִיבָה וָואס רֶעדְט אָן חֶשְׁבּוֹנוֹת?!".



ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אַ ווִיכְטִיגְן כְּלַל, עֶנְטְפֶּלֶעקְן אַ סוֹד:

אוֹיךְ אוֹיבּ דַיינֶע חֲבֵרִים, וֶועלְן נִישְׁט מַשְׁקִיעַ זַיין אִין שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן אַזוֹיפִיל ווִי דִיר - דָאךְ, וֶועט עֶס מַשְׁפִּיעַ זַיין - אֲפִילוּ אָן צוּ בַּאמֶערְקְן. דֶער פַאקְט אַז דוּ גִיבְּסְט זִיךְ אַכְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוּן הֶערְן וָואס מ'דַארְף נִישְׁט, וֶועט בְּעֶזְרַת ה' גוֹרֵם זַיין, אַז דַיינֶע אַרוּמִיגֶע וֶועלְן זִיךְ 'צוּפַּאסְן' צוּ דִיר; אַזוֹי אִיז דֶער 'טֶבַע הַבְּרִיאָה'! ס'וֶועט מִסְתָּמָא נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן אִין אַ טָאג-צְווֵיי, אָבֶּער נָאךְ אַ שְׁטִיקְל תְּקוּפָה וֶועלְן דַיינֶע חֲבֵרִים כַאפְּן אַז דוּ בִּיסְט אַ שׁוֹמֵר לָשׁוֹן, אַזוֹי ווִי דוּ פְרֶעגְסְט זֵיי פוּן מָאל צוּ מָאל: "אֶפְשָׁר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ רֶעדְן אַזֶעלְכֶע ווערְטֶער? אֶפְשָׁר אִיז עֶס לָשׁוֹן הרע?", וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶעהְן אַז דוּ קָאמְפְּלִימֶענְטִירְסְט אוֹיךְ יֶעדְן, אוּן זוּכְסְט אַ 'צַד זְכוּת' אִין יֶעדְן אֵיינֶעם - וֶועלְן זֵיי צוּבִּיסְלֶעךְ רֶעדְן מִיט דִיר, נָאר אוֹיף זַאכְן, וָואס דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ הֶערְן!

מ'קֶען בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם נָאךְ בֵּיישְׁפִּילְן:

מַיין חָבֵר שִׁימִי, אִינְטֶרֶעסִירְט זִיךְ אִין מְיוּזִיק; עֶר גֵייט נָאךְ יֶעדֶע דִיסְק וָואס קוּמְט אַרוֹיס, צוּ ס'אִיז פַּאסִיג פַאר אַזַא אִינְגְל ווִי אִיהְם אָדֶער נִישְׁט, אוּן


ווָאכְנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ,
אוֹיף מִידוֹת
אוּן שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

א חידה במידה


## חִידָה:

**אַ בַּאוואוּסְטֶער**
**גְרוֹיסֶער כְּלַל**
**גַאנְגְבַּאר צְווִישְׁן**
**חֲבֵרִים - אִיבֶּעַראל**
**מִיר וֶועלְן אַיינְהַאלְטְן**
**דִי חָשׁוּבֶ'ע מִצְוָה**
**אַזוֹי ווִי מִיר 'לִיבְּן' זִיךְ אַלֵיין...**
**וָואסְפַארַא מִצְוָה?**

צו ס'איז אינטערעסאַנט. זיינע חֲבֵרִים רעדן מיט איהם אויף דעם ענין, ווייל זיי פאַרשטייען אַז ער איז דער אַדרעס צו רעדן אויף דעם טעמא.

'מַה שֶׁאֵין כֵּן', מיט מיר וועט קיינער נישט רעדן אויף דעם ענין. און דו פאַרשטייסט מסתמא אַליין, פאַרוואס...

אַזוי איז אויך מיט אונזער אויבנדערמאַנטן ענין.

ווען ס'איז ח"ו דאָ אין כִּתָּה אַ 'רַכְלָן', וואס אינטערעסירט זיך אין אַלע נייעס; ווער ס'האָט זיך געקריגט מיט וועמען, און ווער ס'האָט אָנגעהויבן מיט וועמען - וועלן איהם די קינדער מְשַׁתֵּף זיין מיט אַלס וואס האָט פאַסירט.

קעגן דעם, ווען די אינגלעך אין כִּתָּה וועלן איינזעהן, אַז 'דו' ביסט נישט דער אַדרעס צו דִּיבּוּרִים אֲסוּרִים - וועלן זיי דיר עס נישט דערציילן! מיט דיר וועט מען רעדן בלויז אויף זאכן, וואס זענען דיר אינטערעסאַנט, און זענען דיר בֶּאֱמֶת גּוֹרֵם אַ הֲנָאָה!

דאָס איז דער כְּלַל: ווער ס'רעדט שטיל - רעדט מען צו איהם שטיל. ווער ס'רעדט רְכִילוּת - רעדט מען מיט איהם רְכִילוּת; און ווער ס'איז אַ שׁוֹמֵר לָשׁוֹן - רעדט מען איהם לויט די כְּלָלִים פון שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן...

לאָמיר זיך פאָרשטעלן ווי גוט וועט זיין, ווען וואס מער קינדער וועלן זיך שטאַרקן אין ענין פון שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן, ווען ס'וועט נישט זיין צווישן אונז 'אַדרעס'ן' צו דִּיבּוּרִים אֲסוּרִים - אַך, וואספאַרא גליקליכע לעבן וועלן מיר דאַמאָלס האָבן---

**רֶגַע!**

**איך האָב נאָך אַלס אַבּיסל מוֹרָא, אַז אויב איך וועל זיך גאָר שטאַרק אַכט געבן, וועל איך זיין אינדרויסן פון די עִנְיָנִים...**

**אויף דעם וועלן מיר אי"ה רעדן די קומענדיגע וואך...**

**דערוויל טראַכט אויף וואס דו האָסט געלערנט!**

**אַ גוט שַׁבָּת - מְשׁוּלָם.**

# שו"ת משולם

## אַ הֲלָכָה צוּם שַׁבָּת טִישׁ





**אין קורצן פון פריער:** מְשׁוּלָם איז מוֹדֶה אויפן אֱמֶת און ענטשולדיגט זיך, אַזוי אוּרי האט איהם געראטן. איציק פילט זיך נישט באקוועם מיט משולם'ס גילוי לֵב. ער בארוהיגט איהם, און אַלע אין איינעם זענען מַסְכִּים, אז מ'קען טרעפן א וועג צו פאר-רעכטן וואס ס'האט פאסירט.

קאפיטל 30

# געהיימניס׳ן, בײַם
# באָדן פון לעבן

גְעשְׁריבְן: ש. רוזנשטיין | גֶעמָאלְן: יוספי יוסף




פָארְזֶעצוּנְג וֶועט קוּמֶען אי"ה

איהר ווילט הערן אביסל מער, אויף משולם מיט זיינע חברים, און אויף דעם יצר הרע'ס, מסוכנ'דיגע סאלדאטן? **קלינגט אריין צום חברים-ליין: 0723372212 דריקט 394**

צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז
**קלינגט 02-5379160 דריקט 0**